## מיין פאָטער

געקענט האָב איך אַ מענטש,
וואָס אין נבואה איז געווען זיין שורש.

פון זיין צייט די לייט
האָבן וואַנדלען אים געזען אין מאַרק דעם יידישן,
האָבן זיי געזאָגט: נישט אַנדערש — זיינע הימלען
זיינען קיין הימלען נישט, וואָס טוט ער אויפ'ן מאַרק?
זיי האָבן נישט געוואוסט דעם שטייגער פון די זעער.
ס'פעלד פון עפל הייליקע
האָט ביי מיין פאָטער זיך געפּאָרט
מיט די עפל די געפרוירענע, דער ווינטערדיקער סחורה
פון אַ יידענע אָן אָרעמער: איר האַרצ'ס געוויין
איז געווען ביי אים געגליכן
צום געוויין פון שכינתא בגלותא.

געקענט האָב איך אַ מענטש,
וואָס אין נבואה איז געווען זיין שורש.
הויך די פיגור — און ממעמקים'דיק צוגלייך.
אַלץ אין אים פשוט — און צוגלייך פאַרהוילן.
צי האָבן נישט פּאַרצייטנס זעערס פון יהודה
דעמזעלבן אויגן־בלוי פאַרמאָגט, דעם הייסן,
אַ בלוי פול בליצן, פריידן און אבילות'ן?
געוויס איז אויך אין זייער פנים
געווען די שיינקייט, וואָס פון ליידן קומט זי.
דער קאָפּ, וואָס איז געווען אַ שוואַרצער וואַלד,
די באָרד די וואַרעם־ברוינע,
האָבען ווייס געלויכטן אויף דער עלטער,
און ס'האָט די ווייסקייט צוגעדעקט אַ שטורעם.
דורך די פינגער פון דער האַנט,
לאַנגע, שלאַנקע און געבויגענע אַרויפצו,
זיינען ערגעצוואו געלאָפן, ווי דעפעשן,
געוויינען און עקסטאַזן.

געקענט האָב איך אַ מענטש,
וואָס אין נבואה איז געווען זיין שורש.
משיח'ס צייטן האָט געזען זיין גייסט
און ס'האָבן זיך געלאָזט צו אים דערקענען

די פנימ׳ער די צוויי פון  ק ץ:
די בראָך און די גאולה.
גאולה איז אַ  מ ו ז־זאַך, — האָט געזאָגט דער מהר״ל.
ער האָט ווי דער מהר״ל געגלויבט אין יענעם מוז.
אָבער ווי פון ווייען! די גאולה גייט —
און ס׳טראָגט זיך איר פאָראויס
בראָך, וואָס אַלץ פאַרלענדט זי.

ער האָט געזען: די בראָך — מאוים׳דיק געגענט זי.
און ס׳האָט אים דורכגענומען גרויליקייט און ס׳האָט זיין האַרץ
אין איינזאַמקייט געשווידערט.
אומזיסט האָט ער גערופן: ס׳קומט אַ בראָך.
אומזיסט גערופן: לאָמיר ממתיק־זיין מיט תפילה
די האַרבע דינים פון משיח׳ס צייטן.
אַ בוים, פון פייגל אַ פאַרלאָזטער,
האָט ער איינער און אַליין געהויבן
צום הימל בעטנדיקע הענט,
אָפרופן, אָפזינגען און אָפדאַוונען געפּרוּווט
אַ גזר, וואָס האָט געשיקט צו אים סיגנאַלן.

פון אַ צווייטן צימער פלעג איך אָפט
מיך צוהערן צו זיינע תפילות.
ס׳האָבן הונדערטער ניגונים זיי באַגלייט,
ניגונים פון חב״ד און מערנאָך אייגענע,
פון דער תפילה גופא ערשט געבוירענע,
ניגונים ווי מלאכים,
וואָס הויבן זיך און נידערן. אָט שפילן זיי די פלייט —
אָט וויינען זיי — און פלוצלינג
קלינגען זיי ווי מיט כלי־זיין:
זיי לאָזן זיך אַרויס אויף אַ מלחמה,
פון אַ מענש אַן איינזאַמען געפירט,
אַ מלחמה קעגן קליפות, וואָס באַלאַגערן
די וועגן צו דער תשובה.
עס דאַכט זיך: נאָך אַביסל און די קליפות
וועלן אָנהייבן, ווי הימלען ווי פאַרטאָגיקע,
זיך זילבערן. ס׳וועט שווינדן זייער נאַכט.
נאָר ניין, ס׳איז נישט די צייט נאָך.
שטילער, שטילער
ווערן די ניגונים. פול ווערט ס׳צימער

מיט סודות׳דיקער אַנגסט,
מיט דינער שעפּטשעריי, וואָס עגבערט אין די הייכן
און אין די טיפענישן. פאַר דער שיף ישראל׳ס,
וואָס האַלט ביים זינקען, בעט ער גאָט, און אפשר
בעט דאָס גאָט — דורך אים — ביי זיך אַליין.

געקענט האָב איך אַ מענטש,
וואָס אין נבואה איז געווען זיין שורש.
אויסגערופן האָט ער זיינע שרעקן
און וואָרענונגען דרויסן אין די מערק,
נאָר געזוכט האָט ער יחידים,
מיט זיי צו קלעטערן אויף בערג,
מיט זיין צו ברעכן דינים. די יחידים
זיינען נישט געקומען.
אין אַליינקייט
האָט הלל, זון פון אהרן־אליעזר
און שטערנע־ברכה, פאַר זיין פאָלק געדאַוונט.
וואָס האָבן זיי געוואוסט פון אים, די אַלע,
וואָס שטעלן־צו דער דרוק־מאַשין איר שפּייז?
געמאָסטן מיט דער מאָס פון זייער קליינקייט
האָבן זיי זיין אמת און זיין גרויס.
זיי האָבן אים לויט זיך אַליין געמאָסטן,
און אין זיין אמת אין דעם הייליקן, דעם טיפן און
דעם פּראָסטן,
זייער גראָשנדל, דאָס לשונ׳דל, געזוכט.
נאָך וואָס אַ ברויזיקייט אַזאַ? נאָך וואָס
די אַלע איבערחזרונגען? וואו איז סטיליסטיק?
נאָר ער — ס׳איז נישט געווען ליטעראַטורעכץ זיין באַגער.
איבערצוחזרן דאָס וואָרט, וואָס בריט אים,
איז ער נישט מיד געוואָרן, ווי עס ווערט נישט דער מתפלל
מיד צו זאָגן נאָכאַנאַנד: מיין גאָט, מיין גאָט.

בלויז ס׳פאָלק האָט אים אַרויסגעפּילט, כאָטש
נישט פאַרשטאַנען.
זע — אָט גייט רב הלל! שוואַרץ זיין מאַנטל
און שוואַרץ זיין קאַפּעלוש, נאָר ס׳פאַלט אַ העלקייט
פון אים איבער דער גאַס. עס שטעלט זיך אָפּ
אַ ייד, נאָך אים אַ צווייטער און אַ דריטער.
מע שושקעט זיך, מע טייטלט שטילערהייט:
רב הלל גייט — רב הלל — —

געקענט האָב איך אַ מענטש,
וואָס אין נבואה איז געווען זיין שורש.
קיינער וועט נישט וויסן, ס'אַראַ תפילה
ער האָט געמורמלט ווען ער איז געגאַנגען —
אין טלית און אין תפלין —
הייליקן גאָט'ס נאָמען. קוק אַרונטער
פון דעם געזעמל פון די הייליקע, אָ פאָטער,
אויף מיר, פאַרשטויסענעם, דעם וואַנדלער אין דער פינסטער,
דעם לעצטן פון דיין הויז —
טו פאַר מיר בעטן! איך, דיין זון, האָב גאָרנישט
אויסער ווערטער. צו דעם שד פון ווערטער
בין איך פאַרקויפט און כ'שלעפּ די בייזע משא,
און ס'וויל נישט קוקן אין מיין זייט כביכול,
ווי כ'וואָלט געווען אַ מקח־טעות.
בלויז דיין געשטאַלט ברענגט ווידער מיר אמונה.
ווען כ'טראַכט פון דיר, נעמט פלאַטערן פונסניי
אין חושך מיר אַנטקעגן
דער חלום, וואָס איך האָב פון דיר געירשנט:
משיח'ס אָנבליק זע איך.

איך זאָג מיר דענסטמאָל: ס'האָט די נאַכטיקסטע פון קליפות
געקראָגן מענטש־געשטאַלט, געוויזן זיך פון דייטשלאַנד
פאַר די אויגן פון די פעלקער — היינט פאַרוואָס
זאָל דער היפּוך זיינער שוין נישט גרייט זיין
אין די הענט פון דעם,
וואָס איינס אַנטקעגן אַנדערן באַשאַפט ער,
זה לעומת זה? אין אדמ'שער געשטאַלט,
אין בלוט און פלייש, וועט זיך דער היפּוך אָנטאָן,
באַוועלטיקן דעם תוהו פון דער וועלט — — —

פאָטער, זיי מתפלל
פאַר מיר, דיין זון, אַז טיף און טיפער אַלץ
זאָל אין מיר אַריינלייכטן די דאָזיקע אמונה,
וואָס מוז פאַרקומען אַזוי משונה
דעם איצטערדיקן דור.
און זיי מתפלל דאָרטן וואו דו ביסט,
אַז מיין אַלטע עצבות, וואָס די בראָך האָט זי געטאָפּלט,
זאָל מיין ניצוץ נישט פאַרצוקן, נישט פאַרשטאָפּן
צינורות צו די אורות.

נישט ווערט בין איך דיין תפילה,
נאָר גראָד דערפאַר, וואָס כ'בין נישט ווערט,
ווער איך ממילא ווערט
דיין תפילה,
איך, אַ שטויב פון וועלטן פון צושטערטע.
פאַר וועמען דאַרף מען מער מתפלל־זיין
ווי פאַר נישט־ווערטע?

## דראַמעס אין אים

אַ טעאַטער־מענטש האָט ביי מיין טאַטן
אַמאָל אַ פרעג געטאָן: וואָס הערט זיך וועגן קומען
אין טעאַטער?
האָבן די וויעס ביי אים
ווי פייגל ווי איבערגעוועקטע געגעבן אַ פלאַטער.
איך האָב — האָט ער געזאָגט — מיין אייגענעם טעאַטער.

ס'האָט יענער נישט פאַרשטאַנען. איך אָבער האָב גוט
געוואוסט אויף וואָס ער איז מרמז.
ווי ער זיצט אַזוי אין זיינע דלת־אמות,
ווערן אין אים נאָכאַנאַנד, נאָכאַנאַנד, —
נישט געזען פון קיינעם, קיינעם נישט באַקאַנט, —
אויסגעשפילט דראַמעס.

## קדושים, ווערט קינדער

כ'הער זיך צו צו דער נאַכט,
צו דער יידישער נאַכט,
און איך הער ווי זי רופט:
מתים, ווערט באַגופט.

ווערט נישט קיין פאַרשווינדער,
פאַרלאָזט נישט די ערד.
זוכט מאַמעס אויס און ווערט
מגולגל אין קינדער.
בלייבט דאָ און ווערט
דער ערדס נייע גרינדער,
דערלייזער, פאַרקינדער,
ליכטיקע צינדער
פון גאָט אויף דער ערד.